# פאַרגעם נישט

אין אַ שלאַכט פֿאַר אַ שטיקל פֿעלדז צווישן תּנכישע בערג האָט אַ ייִדישער זעלנער געפֿאַנגען צווישן די שטיינער אַ פֿיינדלעכן סאָלדאַט. ווי אַ יאַשטשער האָט זיך דער געפֿאַנגענער אַזוי לאַנג געדרייט איבער די צעקרימטע דורכגענג און געזוכט ערגעץ אַ שפּאַלט אַנטרונען צו ווערן, ביז זיין נאָכיאָגער האָט אים געצוווּנגען מיט דעם שפּיץ באַגנעט, צוגעשטעלט צו זיין רוקן, אויפֿצוהייבן די הענט אין דער הייך.

ביידע, דער זיגער און באַזיגטער, האָבן שווער געאָטעמט איינער קעגן אַנדערן און נישט געקאָנט זיך טרעפֿן מיט זייערע צעצונדענע בליקן צוליבן שטויביקן שווייס, וואָס איז אין געדיכטע טראָפּנס גערונען איבער זייערע אויגן. דער באַוואָפֿנטער איז נישט געווען ווייניקער אויפֿגערעגט און דערשראָקן ווי דער געכאַפּטער, וואָס האָט בעתן אַנטלויפֿן אַוועקגעוואָרפֿן דעם אויטאָמאַט מיט די ליידיקע מאַגאַזינען. ס'איז געווען דעם זעלנערס ערשטע שלאַכט, און ער האָט אפֿילו נישט געוווּסט גענוי ווו ער געפֿינט זיך. ערשט מיט אַ וואָך צוריק איז ער נאָך געווען פֿאַרנומען ביים דורכגראָבן דעם לעצטן מעטער ערד פֿונעם טונעל אונטער די שטעכלדראָט־פֿאַרצוימונגען אויף ציפּערן. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער זיך מיט אַ שיפֿל צוגעשלאָגן צום ימיקן ברעג פֿונעם לאַנד, פֿאַר וועלכן ער האָט איצט געקעמפֿט. כּל־זמן ער האָט געהערט דאָס האַרטע, זיכערע קול פֿון זיין מפֿקד, וועלכער האָט געקענט יעדעס שטעגל אין דער דאָזיקער געגנט, האָט אים, חוץ דאָס רוקן זיך אויפֿן באַפֿעל פֿאָרויס, קיין זאַך נישט אויסגעזען שרעקלעך. דאָס איבערגעבן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דעם אייגענעם לעבן אין די הענט פֿון אָט דעם באַוואָנצטן הויכן בחור, האָט באַרויִקט זיין צעשרויפֿט געמיט, זיינע ספֿקותדיקע, שטעכיקע געדאַנקען, אַז ער קאָן

דאָ בלייבן ליגן אַ דורכגעשאָסענער פון אַ צופעליקער פחדנותדיקער קויל. איצט, אָבער, ווען אין ברעג פון דער שלאַכט איז ער אַוועק גאָר וויט פון זיין אָפּטיילונג, כדי צו ברענגען אַ לעבעדיקן געפאַנגענעם און באַווייזן דערמיט אַז ניי אָנגעקומענע זעלנער, נישט קיין הי־געבוירענע, קאָנען אויך עפּעס אויפטאָן, — איצט איז ער געבליבן שטיין גאָר אָפּהענטיק. ער האָט זיך פּלוצים דערזען אין אַן אומבאַקאַנטער וועלט פון שטיקער אומגעוואָרפענע ברילעס, וואָס האָבן זיך געצויגן צום האָריזאָנט אין שאַרפצייגערדיקע, שטייניקע בערג. האַרבע און שאַרפע שטריכן אין דעם גאַנצן אַרום האָבן נאָך מער פאַרגרעסערט זיין אומרו. זיין אויג איז געווען צוגעוווינט צו זען אין דער פרייע ווייכע, גרינע איבערגענג, געלע קאָרנפעלדער, אַ צעטריקנטע סטעזשקע, עטלעכע באָרוועסע פויערטעס מיט מילכקריגן אין די הענט. נישט געקוקט אויף יאָרן וואָגלענישן איבער פאַרשידענע לענדער האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַפרייען פונעם באַגער צו וועלן זען אומעטום זיין היימשטאָט־פּאַנאָראַמע, כאָטש דאָס איז תמיד געווען פאַרבונדן מיט פיינלעכע זכרונות פון אַ חרוב־געוואָרענער היים. דאָ אָבער, איז אַלץ פאַר אים געווען ניי און אויסטערליש — פון דעם קיבורצישן הויף, ווו זיין אָפּטיילונג האָט אינדערפרי אָפּגעגעסן פאַרן אַרויסמאַרש צו די בערג, ביז די שטעכיקע, שלענגלדיקע דערנער ביי זיינע פיס.

דער געפאַנגענער איז נאָך אַלץ געשטאַנען צוגעשפּאַרט מיטן פּנים צו אַ סקאַלע, די הענט אויסגעצויגן אין דער הויך, און זיך נישט דערוועגט אַ ריר צו טאָן. ענדלעך האָט דער יידישער זעלנער זיך גענומען צו באַטאַפּן דעם סאָלדאַט און דערביי צוגעדריקט נאָך שטאַרקער דעם שפּיץ באַגנעט צו זיין רוקן. דער געפאַנגענער האָט פאַרהאַלטן אויף אַ וויילע דעם אָטעם. קיין געווער האָט ער ביי אים נישט געפונען, אָבער ער האָט נאָך אַלץ אים געלאָזט שטיין אין דער דאזיקער פּאָזע. וואָס טוט מען ווייטער? ער האָט נאָך אַ מאָל שאַרף זיך איינגעקוקט אין דעם אַרום. די שטילקייט נאָך דער שלאַכט האָט זיך געדיכט איינגעלייגט אין דער פרי־האַרבסטיקער לופט; יעדער קריץ

פון די באַנעגלטע שיך אויפן שטייניקן זאַמד האָט געצווונגען אומצודרייען דעם קאָפּ אויף הינטן און זוכן דאָס נישט־זעעוודיקע, וואָס לויערט פון יעדן שפּאַלט צווישן די פעלדזן. ער האָט געפּרוווט נאָך אַ מאָל איינגראָבן זיין בליק צופוסנס פון די בערג, אפשר ליגט דאָרט די הילף אין דער משונהדיקער לאַגע. נאָר אַזוי ווי פריער איז די גאַנצע געגנט געלעגן אָן סימנים פון לעבן.

— זיי האָבן געמוזט אַראָפּגיין צוריק צום קיבוץ, אָדער זיי האָבן פאַרנומען ערגעץ ווו אַ פּאָזיציע און ווילן איר נישט אויסגעבן דורך באַוועגן זיך — איז אים איינגעפאַלן. אָבער פון דער השערה איז אים נישט לייכטער געוואָרן, פאַרקערט, ס׳איז אים נאָך מער באַפאַלן אַ פאַרדרוס אויף זיך און אויף דעם וואָס איז געשען.

— נישט געדאַרפט זיך אַוועקלאָזן אַזוי ווייט, אַז מען קען נישט די געגנט. געדאַרפט נאָכשיסן; וואָלט איך געטראָפן — איז גוט, און ווען נישט — איז אויך פאַרפאַלן. און אַזוי ווי ער איז געשטאַנען אַ פאַרלאָשענער אין זיין לעצטער האָפענונג אויפצוכאַפּן כאָטש דעם מינדסטן צייכן פון מענטשלעכן זיין דאָ, האָט ער פּלוצים דערזען אין דער ווייט אַ שוואַרץ־גרוילעך זיילכל רויך אויפגיין פון צווישן די שטיינער, וואָס צופוסנס דער באַרגקייט. ער האָט זיך נאָך שטאַרקער איינגעקוקט אין דעם דאָזיקן פּונקט, און אַ שמייכל פון דערלייכטערונג האָט זיך צעלייגט אַרום זיינע פאַרטריקנטע ליפּן. ערשט איצט האָט ער דערזען ווו ער איז און זיך געוווּנדערט ווי אַזוי ער האָט פריער נישט דערקענט דאָס אָרט, פון וואַנען זיין אָפּטיילונג האָט אָנגעהויבן אַרויפשטייגן אויפן באַרג. דער שפּיציקער קאָנוספעלדז און די צוויי אַנדערע מאַסיוון, האָבן זיך גענומען אויסשיילן פאַר אים אין זייער גאַנצער דערפרייענדיקער קענטלעכקייט.

— אויב זיי האָבן פונאַנדערגעלייגט אַ פייער, איז אַ סימן, אַז די אַראַבער זענען פאַרטריבן געוואָרן ביז הינטער די בערג.

ער האָט זיך געפּרוווט אַליין באַרויקן, אָבער דאָך מורא געהאַט צו לאָזן זיך אין וועג צו זייניקע, טאָמער לויערט פאָרט ערגעץ ווו דער שונא פון הינטער אַ שטיין. דאָ, אינעם ברייטן באַרגשפּאַלט, אַ פאַר־

שטעלטער דורך אַ הויכער שטייניקער וואַנט, איז ער געווען אויסער יעדער סכנה. איין טראָט ווייטער איז ער שוין געווען אויסגעשטעלט אויף אַלע סיורפּריזן פון אַ סנייפּערשער קויל. נאָכן איבערוואַרפן אין קאָפּ פאַרשידענע פּלענער, האָט ער באַשלאָסן אָפּצוואַרטן ביז עס וועט טונקל ווערן, כדי מיט דעם געפאַנגענעם, געטריבן פאַרויס, דורכצושלייכן זיך דאָס שטיקל וועג. מיט דער זייט פון באַגנעט האָט ער דעם געפאַנגענעם אויסגעדרייט מיטן פּנים צו זיך, געגעבן אים אַ צייכן אַוועקצוזעצן זיך אויף אַ דערבייאיקן שטיין און אַליין זיך אויך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין קעגנאיבער, מיט דער אָנגעשטעלטער ביקס אין האַנט.

II

ביידע זענען געזעסן פאַרטיפט אין זייערע געדאַנקען און פּלע־נער ווי אַזוי צוריק צו געווינען דאָס שטיקל וועלטל פון וואַנען יעדע־רער פון זיי איז געוואָרן צופעליק אַרויסגעשטויסן. דער געפאַנגענער האָט צונויפגעדריקט ביידע הענט צווישן די קני, איינגעגראָבן טיף די אויגן און כלומרשט הכנעהדיק געוואַרט אויף זיין גורל; אָבער דאָס פאַרשטויבטע העלהויטיקע פּנים זיינס מיט די צוקנדיקע באַקנ־ביינער און דעם וואָלפישן בליק, וואָס ער פלעגט יעדע ווילע אַ וואָרף טאָן אַרום זיך האָבן געמסרט, אַז זיין מוח אַרבעט און פאַר־טראַכט עפּעס. זיין אומרויִק דרייען זיך אויפן שטיין האָט נישט געשטימט מיט דעם געוויינטלעכן אַראַבישן פאַטאַליזם, וואָס פּענ־טעט יעטוועדע איבעריקע באַוועגונג. ער האָט נישט געזיפצט, נישט געזונגען דעם מאָנאָטאָנעם, צעצויגענעם ניגון פון חניפה און תחנו־נים, נישט געבעטן זיך און נישט געשווירן כלערליי שבועות, אַז ער איז נישט שולדיק — „מען האָט מיך געשיקט, בין איך געגאַנגען". דער געפאַנגענער האָט פאַרביסן געשוויגן און געקלאַמערט איין האַנט אין דער אַנדערער.

אויך אין זיין קליידונג האָט זיך נישט געמערקט די ספּעציפיש־

אַריענטאַלישע אָפּגעלאָזנקייט. די הויזן זענען געווען ריין פון פעטע איילבירט־פלעקן. די ענגלישע בלוזע איז געווען פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּ און פיין געלעגן אויף זיינע קנאָכישע אַקסלען. זיינע גוט צוגעפּאַסטע שיך, נישט געקוקט אויפן שווערן געלאָף צווישן שטיין און זאַמד, האָבן נאָך אַלץ נישט פאַרלוירן זייער גלאַנציקע שטייפקייט.

— מן־הסתם אַ קצין. ס׳וואָלט געווען אַ שיינע זאַך...

דער זעלנער האָט שוין געפילט דעם טעם פון טריומף ביים באַגעגענען זיך מיט זייניקע. אַ באַרויקטער איז ער געזעסן אויפן שטיין און מער געהיט דאָס זיילכל רויִד, וואָס האָט זיך געצויגן, אַלץ דינער און דינער, ווי דעם געפּאַנגענעם. דאָס גאַנצע בילד פון זיין באַגעגעניש מיט די חברים און מיט דעם מפקד האָט גערייצט זיין דמיון. דער מפקד וועט צוערשט זיך באַמיען זיין אָפיציעל, דערנאָך וועט ער זיך פאַרגעסן, אַ קלאַפּ טאָן אים איבערן אַקסל און אויסשרייען מיט ייִנגלישער פאַרוווּנדערונג: ביסט דאָך אַן אמתער פלמחניק! — און ביים שיסל קאָכיקן זופּ זיך הייסן דערציילן אַלץ פון אָנהויב. אַלע וועלן שטיין אַרום מיט אָפענע מיילער, און אַלע ווילע איבעררייסן זיין דערציילונג מיט אויסגעשרייען פון אָנערקענונג און התפעלות; און די טעלעגראַפיסטקע, די סאַברע, וועט שוין אויף אים נישט קוקן, ווי ער וואָלט געווען אַ דורכזעעוודיקער... זאָל זי נישט מיינען, אַז נאָר זיי... יאָ, און דאָס וויכטיקסטע, ער וועט זיך אָפּבעטן אויף אַ טאָג קיין תל־אביב, כאָטש זען די שטאָט. מען זאָגט, דאָרט איז אַזוי שיין. שוין באַלד צוויי יאָר אין אַ קינאָ נישט געווען, אויף קיין גאַס נישט געטראָטן. די גאַנצע צייט — בלויז שטעכלדראָט און וואַכטורעמס; און אפשר וועט ער גאָר אַריינגיין צו חנהן, זי האָט דאָך אים געלאָזן איר אַדרעס פאַרן אָפּפאָר — רחוב בן־יהודה...

שאַרף און בולט צייכנט אים זיין פאַנטאַזיע דעם מאָרגנדיקן טאָג; און אַלץ נאָענטער און פריידיקער ווערט אים יעדע זאַך, וואָס איז פאַרבונדן דערמיט — די גאַס, וואָס ער קען נאָר איר נאָמען, די עברית־רעדנדיקע, זיכערע בחורים און מיידלעך, די אַלץ־ווייסנדיקע, באַברילטע קיבוצניקעס, וועלכע קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף פרעמדע,

אַזוי ווי היינט, למשל, אין עס־צימער, — און, אפילו, די דראַעגדיקע, אומעטיקע בערג.

— זאָל זיך נאָר ענדיקן דער קריג, כ׳וועל אַוועקגיין אַרבעטן. כ׳וועל מיך איינאָרדנען; און אפשר גאָר אין אַ קיבוץ — פאַרוואָס נישט?

די האַרבסטיקע זון איז אַלע ווײַלע געוואָרן פאַרשטעלט דורך צערי־סענע שטיקער וואָלקנס. זיי האָבן זיך פּאַמעלעך געטראָגן איבערן הימל, ווי ריזיקע, אויפגעבלאָזענע זעק, וואָס אָט פּלאַצן זיי און צע־פליען זיך. די טינט־בלויע בערג האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם פאַרטונקלטן האָריזאָנט און פאַרווישט אין גאַנצן די גרענעץ צווישן הימל און ערד. נײַע וואָלקנס זענען אָנגעשווומען און באַהערשט דעם גאַנצן הימל. די לופט האָט זיך אָנגעשפּאַנט. דאָס האָט קירצער גע־מאַכט דעם אָטעם און אײַנגעהילט דעם גאַנצן קערפּער אין אַ פּײַכטן דאַמף, ווי אין הייסע, נאַסע שמאַטעס.

— ס׳פאַרנעמט זיך אויף אַ רעגן...

דער יידישער זעלנער האָט אויף אַ סעקונדע פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל. אין דער רגע האָט דער געפאַנגענער מיט קעצישער גע־שיקטקייט אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיין, און איידער דער היטער זײַנער האָט נאָך באַוויזן אַראָפּצולאָזן צוריק דעם בליק אויף אים איז שוין זײַן האַנט געווען אין שווונג. דער זעלנער, פאַרטיפט אין זײַנע מחש־בות, האָט נישט באַוויזן אָנצוקוועטשן דאָס צינגל, און די ביקס איז געבליבן ליגן בײַ אים אין די הענט ווי אַן אומנוציק שטיק אײַזן. דאָס האָט אָבער בײַ אים נישט געדויערט לענגער, ווי דער פּרווו פונעם געפאַנגענעם זיך אויפצוהייבן פון שטיין און אָנצוגעבן דעם וואָרף אַ געהעריקע קראַפט. דער זעלנער איז געבליבן הענגען איבער אים מיט דער אויפגעהויבענער ביקס אין די הענט. דאָס בלאַסע פּנים בײַם געפאַנגענעם, צעקרימט פון חיהשער רציחה, האָט זיך מאָמענ־טאַל פאַרצויגן אין טויטלעכן פּחד. ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם שטיין פון האַנט און האָבנדיק נאָך אַלץ פאַר זײַנע ברייט אויפגעריסענע אויגן דעם זעלנער, גרייט אַרײַנצושטעכן אין אים דאָס גלאַנציקע

מעסער, האָט ער זיך אַ רוק געגעבן הינטערווייַלעכץ, אויסגעשטרעקט ביידע הענט און מיט אַ הייזעריקער, פֿאַרסאַפּעטער שטימע אַרויס־געכריפּעט: זי האָבן קיין רעכט, איך בין קריגסגעפֿאַ...

ביידע זענען געבליבן פֿאַרשטיינערט אין דער דאָזיקער פּאָזע, איינער אין דערוואַרטונג אויפֿן טויטקלאַפּ, דער צווייטער — אין גרויליקער איבערראַשונג. אַ פֿייערדיקע, פּורפּור־רויטע לאַווינע האָט אַ פּלייץ געטאָן איבער דעם מוח פֿון יידישן זעלנער און אים שיער נישט אומגעוואָרפֿן פֿון די פֿיס. דעם געפֿאַנגענעמס הייזעריק גע־שטאַמל האָט אים ווידער אַרייַנגעטריבן אינעם ערדישן וואַלדשטיבל, אין וועלכן ער און די מאַמע האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן נאָכן אַנטלויפֿן פֿון געטאָ. — פֿאַרגעס נישט, מיין קינד, קדיש זאָלסטו זאָגן נאָכן טאַטן. טאָמער חלילה בלייבסטו אַליין, זאָלסטו עס קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן... און דערנאָך, בעת דער אָבלאַווע, ווען אָט דער, האָט אונ־טער ווילדע אויסרופֿן פֿון די איבעריקע, זי געשלאָגן מיטן רעוואָלווער איבערן קאָפּ, ביז פֿון אירע געדיכטע האָר איז געוואָרן איין בלוטיקע נעץ, האָט נאָך איר לעצטער אויסגעשריי צעשפּאָלטן די ליימיקע ווענט פֿונעם ערדשטיבל און זיך דורכגעריסן דורכן באַשנייטן וואַלד צו דער גאַרער וועלט — נ י ש ט  פֿ אַ ר ג ע ס ן...

און ווען זיי, אָנגעפּרעסענע און שיכורע, האָבן אים אַרויסגעיאָגט אַ האַלב־נאַקעטן פֿונעם ערדשטיבל אויפֿן פֿראָסט, האָט ער, לויפֿנדיק, נאָך אַלץ געהאַט אין זיינע אויערן דער מאַמעס געשריי.

דאָס איז נישט געווען קיין בקשה. דאָס איז געווען אַ פֿאָדע־רונג. זי האָט זיכער נישט געמיינט אין יענעם מאָמענט דאָס קדיש זאָגן. זי האָט געפֿאָדערט נישט צו פֿאַרגעסן דעם אָ, וואָס האט געוויזן בריהשאַפֿט פֿאַר זיינע צעהירזשעטע קאַמעראַדן זי צו טרעפֿן מיטן הענטל פֿון רעוואָלווער אַזוי, אַז די געהירן זאָלן זיך צעשפּריצן אין אַלע זייטן, ווי דער זאַפֿט פֿון אַ געפּלאַצטער פּרוכט.

— דאָס איז ער... דאָס אַ בלאַסע, מלאך־המוותדיקע פּנים. דער זעלביקער קאַלטער, מערדערישער בליק, דאָרט אין וואַלד, און איצט ביים פֿאַרמעסטן זיך מיט דעם שטיין. די זעלביקע לאַנג־פֿינגערדיקע,

רוצחישע הענט, וואָס האָבן אַזוי גיריק פאַרקוועטשט דער מאַמעס האַלדז בעת איר אויסגעשריי... און אפשר איז עס פאַרט נישט ער?... נאָר אַלץ איינס — אַ דייטש...

דער באַגנעט האָט זיך אַריינגעהאַקט אין געפאַנגענעמס בויך מיט אַזאַ קראַפט — אַז ס'האָט אים אַזש אונטערגעטראָגן אין דער לופטן. דער געשטאָכענער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט פאַר דער לופּע, מאַכנדיק פאַרצווייפלטע פּרווון אַרויסצוציען דאָס מעסער פונעם לעבעדיקן פלייש. דאָס האָט נאָך מער צעריצט דעם אָנגרייפער. ער האָט אַ ריס געטאָן צו זיך די ביקס און נאָך אַ מאָל זי פאַרוקט אונטער דער ברוסט פון דעם אַנידערגעפאַלענעם; און וואָס מער יענער האָט זיך, ווי אַ צעשניטענער וואָרעם, געדרייט ביי די פיס, אַלץ העפטיקער און פאַרביסענער האָבן זיך געשאָטן אויף אים די קלעפּ. דער זעלנער האָט געוואָלט זיין נקמה לעשן מיט דעם פאַר־האַסטן בלוט, וואָס האָט געריזלט צווישן די שטיינער. אין יעדן שטויס, אין יעדן אַרויסגעצויגענעם אָדער, אין יעדן שטיקל צעשניטענעם פלייש, האָט ער געוואָלט געפינען אַ פאַרגיטיקונג. די דאָזיקע פאַר־גיטיקונג איז נישט געקומען. וואָס מער ער האָט געשניטן און גע־פערטלט, וואָס מער ער האָט געזוכט מיט דעם שפּיץ באַגנעט אינעם האַרץ פון געפאַנגענעם דעם מקור פון דער רשעות, וואָס איז געלעגן דאָרט אין משך פון זיין מנוולדיק לעבן, אַלץ מער האָט דאָס געפיל פון עקל אים באַהערשט. דער צעריסענער גוף מיט די אַרויסגעפאַלענע געדערעם האָט, ווי אַן אָפענע מיסטגרוב, פאַרעיפּושט די לופט. ער האָט געמוזט אָפּקערן דעם קאָפּ.

— שוין געדאַרפט בעסער דערשיסן...

ער איז אָפּגעגאַנגען אַן אַ זייט און אַ מידער און צעבראָכענער זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ שטיין. דאָס האַרץ אין אים האָט גענאָגט פון נישט־געזעטיקטער נקמה. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם הייסן קאָפּ אין די דלאָניעס.

און אָט איז אויפגעשווומען פאַר אים דער מאַמעס פרישע, פריי־טיק־צונאַכטיקע געשטאַלט. קיינמאָל וועט זי זיך נישט אומקערן צו

אים, אפילו דורך טויזנט טויטן פון אָט דעם הרוג. אַ באַגער זיך צו־
צוטוליען צו עפּעס נאָענטס, אייגנס, האָט זיך פונאַנדערגעיאָמערט אין
אים, צו קאָנען פאַר עמעצן אויסגיסן די גאַנצע עוולה פון זיין פאַר־
יתומט לעבן, צו פילן נעבן זיך אַ גלעטנדיקע, מילדע האַנט. אַ קינ־
דערש געוויין האָט דריבנע צעטרייסלט זיינע ברייטע אַקסלען —
מאַמע... מאַמע... ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַנגעשפּאַרט זיך
אָן דער סקאַלע און פריי געלאָזט פליסן די טרערן.

אַ בליץ האָט צעשפּאָלטן דעם טונקעלן הימל, און גלייך נאָך
דעם האָט אַ דונער זיך צעקייקלט איבער דער גאַנצער לענג פון דער
באַרגקייט. דער רעגן האָט אַ שפּאַר געטאָן פון די געדיכטע וואָלקנס,
ווי פון איבער אַ צעבראָכענער דאַמבע, און זיך אַ גאָס געטאָן אויף
דער ערד אין געדיכטע שפּרייען. ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך אויפן
שטיין און אונטערגעשטעלט זיין פּנים אונטער די גרויסע וואַסער־
טראָפּנס, וואָס האָבן ווי אויסגעקושט זיינע טרערן, אויפלייזנדיק אין
זיך די זאַלציקייט פון זיין געוויין. דאָס וואַסער האָט ווי אַ צערטלעכ־
האַנט, געגלעט זיין קאָפּ, געשטילט דאָס האַמערדיקע קלאַפּן פונעם
צערודערטן בלוט אין די שלייפן. ווי אַ זאַלב האָט זיך דער רעגן
אַריינגעגאָסן אין זיין נשמה און געלינדערט דאָרט זיין אויפגערירטן וויי.

אַזוי גיך ווי דער רעגן איז געקומען, אַזוי גיך האָט ער אויפ־
געהערט. אַ פרישׁ, לינד ווינטל האָט צעשטרייט די וואָלקנס, געלאָזן
דער זון זיך געזעגענען מיט דעם טאָג איידער זי צעשמעלצט זיך
אין אַ קופּערנער רויטקייט הינטער די בערג. בין־השמשות האָט זיך
צעלייגט צווישן די סקאַלעס. די וואַסערשטראָמען האָבן אָפּגעשווענקט
די שטיינער פון פאַרגליווערטן בלוט. בראשיתדיק ניי האָט אויפגע־
טויכט פאַר דעם זעלנער דער גאַנצער אַרום. די אויסגעצוואָגענע
פעלדזן, וואָס האָבן פריער אַזוי אומצוטרוילעך געשאַרפט אויף אים
זייערע אַראָפּהענגענדיקע ברעגן, האָבן איצט אויסגעזען היימיש
און נאָענט, ווי שטוביקע חיות. די צעקרימטע, אויסגעוואַשענע שטעג־
לעך צווישן די שטיינער האָבן אים שוין מער נישט געשראָקן. דער
פאַרטונקלטער הימל האָט אים וואַרעם אַרומגענומען, ווי אַ מאַמעשער

קאָפּטוך. ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן. די פעלדזן האָבן אים פריינדלעך צוגענויגט מיט זייערע אויסגעבויגענע, צערונצלטע ווענט.

געטרייסט און געמונטערט פון יעדן שטיין אויף דער היימ־לענדישער ערד, איז ער מיט זיכערע טריט אַראָפּגעשטיגן פון באַרג.